# פירער פון געפערליכע קארעסאן טעראריסטן אומגעקומען אין אמעריקאנער באמבארדירונג

עס איז געווען אן אויסטערלישע איבערראשונג ווען אמעריקע האט אנגעהויבן באמבארדירן אייסיס אויף אזא ברייטן פארנעם פאריגע וואך, און קיינער האט זיך נישט געראכטן אז אמעריקע וועט אויך באמבארדירן די קארעסאן טעראריסטן, ממילא זענען א סאך וויכטיגע טעראריסטן געכאפט געווארן אומגעראכטן, וואס אויב זיי וואלטן ערווארט די באמבארדירונגען וואלטן זיי גאנץ זיכער אנטלאפן צו פרישע באהעלטענישן, פילייכט אין אונטערערדישע היילן אזוי ווי די טעראריסטן אין אפגאניסטאן האבן געטאן נאכדעם ווי די אמעריקאנער באמבארדירונגען האבן זיך דארט אנגעהויבן, אין ′01.

אין די אטאקעס פון פאריגן דינסטאג אויף קארעסאן, האט אמעריקע אויפצומארגעס, מיטוואך, געזאגט, אז זיי גלויבן אז מאשין על-פאדלי, א הויכער על-קאידא טעראריסט און פירער פון קארעסאן, איז גע׳הרג׳עט געווארן אין יענע באמבארדירונג. א פאר שעה שפעטער האט אבער דער פענטאגאן געזאגט אז מ׳פארשט נאך וואס עס איז געווארן מיט אים.

ענדע וואך האט מען אויפגעכאפט א טוויטער מעסעדזש פון א באקאנטן על-קאידא טעראריסט אין וואס ער האט אויסגעדריקט זיין טרויער איבער דעם טויט פון פאדלי, וועלכע איז געבוירן אין קאוועיט. ער איז אויך באקאנט געווען אונטער דעם נאמען אבו אסמא על-דזשאזראווי און אבו אסמא על-קאוואטי.

נאך די ערשטע באמבארדירונגען פאריגע וואך האבן די אמעריקאנער באאמטע געזאגט אז זיי שאצן נאך וויפיל שאדן די אקציע האט פאראורזאכט אויף קארעסאן, און איסלאמישע מיליטאנטן האבן אנגעהויבן צו רעדן אויפ׳ן אינטערנעט איבער אומבאשטעטיגטע באריכטן אז דער 33 יעריגער מייסטער טעראריסט איז גע׳הרג׳עט געווארן.

מ׳האט נישט באלד אידענטיפיצירט ווער עס איז דער דזשיהאדיסט וועלכער האט באשטעטיגט פאדלי׳ס טויט, אבער מ׳האט אים אידענטיפיצירט אלס איינער וואס האט זיך מושטירט אונטער א נאענטן צו דעם על-קאידא פירער איימאן על-זאווארי, און ער האט געקעמפט אין קארעסאן פאר׳ן אפפארן קיין סיריע וואו ער איז איצט טעטיג. דער סטעיט דעפארטמענט האט נאך אין ′12 געמאלדן א 7 מיליאן דאלאר באלוינונג פאר אינפארמאציע צו כאפן פאדלי. ער איז געווען אן על-קאידא פינאנצירער און איז אזוי נאענט געווען צום על-קאידא גרינדער אסאמא בין לאדען, אז ער איז געווען פון די געציילטע וואס האבן פון פאראויס געוואוסט איבער די סעפטעמבער 11 אטאקעס אויף אמעריקע.

*



## די אמעריקאנער באמבעס צילן אויף קארעסאן

פאריגע וואך ווען אמעריקע האט אנגעהויבן באמבארדירן אין איראק און סיריע, איז מען איבערראשט געווארן צו הערן אז אמעריקע האט באמבארדירט נישט בלויז אייסיס צילן, נאר זי האט אויך באמבארדירט א גרופע וואס איז אומבאקאנט אין די וועלט, מ׳רופט עס קארעסאן, עס איז הויפקווארטירט אין סיריע און איז אנגעפירט געווען דורך מאשין על-פאדלי. אין א באריכט אנהויב וואך אין ״ניו יארק טיימס״ איז ארויסגעברענגט געווארן אז די גרופע איז שעדליכער פאר אמעריקע זעלבסט, ווייל זי איז אינטערעסירט צו באמבארדירן אמעריקע זעלבסט מער ווי אייסיס.

לויט די באשרייבונג, איז די גרופע צונויפגעשטעלט געווארן פון על-קאידא מיטגלידער וואס זענען געקומען פונעם מיטל מזרח, פון דרום אזיע און אויך פון צפון אפריקע. מ׳ווייסט נישט צופיל פון זיי נאר דאס ווייסט מען יא אז זיי פלאנירן טעראר אטאקעס נוצענדיג באהאלטענע אויפרייס מאטעריאל.

מ׳גלויבט אז פאדלי האט זיך אריבערגעשווערצט פון איראן קיין סיריע דארט אויפצושטעלן זיין באזע. ער איז געווען איינער פון עטליכע על-קאידא מיטגלידער וועלכע זענען באצייטנס אנטלאפן פון אפגאניסטאן נאך די סעפטעמבער 11 אטאקעס. דער סטעיט דעפארטמענט האט געמאלדן א 7 מיליאן דאלאר באלוינונג פאר אינפארמאציע וואס וועט ערמעגליכן אים צו כאפן. דאס איז געווען אין ′12, ווען ער איז אידענטיפיצירט געווארן אלס דער על-קאידא פירער אין איראן.

דער אמעריקאנער שפיאנאזש דירעקטאר דזשעימס קלעפער האט געזאגט פאר׳ן טיימס, אז ווען מ׳באטראכט א געפאר פאר אמעריקע, קען קארעסאן זיין פונקט אזא געפאר ווי די איסלאמיסטישע סטעיט, וואס איז איינע פון די נעמען מיט וואס מ׳באצייכנט אייסיס.

אויב קלעפער האט אפען גערעדט אין אן אינטערוויו איבער קארעסאן, האט דאס שוין געדארפט זיין א סיגנאל אז די אבאמא אדמיניסטראציע גרייט צו דאס אמעריקאנער פאלק צו וויסן פון דעם קארעסאן געפאר, אז אויב עס וועט קומען באמבארדירונגען אויף קארעסאן, זאל מען פארשטיין פארוואס. די קארעסאן טעמע איז טאקע אדרעסירט געווארן פאריגע וואך זונטאג דורך די פארזיצער פון די הויז און סענאט שפיאנאזש קאמיטעען וועלכע האבן אויפגעטרעטן אויף די ווע־כענטליכע מידיא אינטערוויוס.

דער רעפובליקאנער קאנגרעסמאן מייק ראדזשערס פון מישיגען, פארזיצער פון די הויז שפיאנאזש קאמיטע, האט געזאגט אז ער איז נישט איינשטימיג אז אייסיס איז נישט אזא געפאר ווי קארעסאן. ״עס איז אנדערש״ האט ער געזאגט, ארויסברענגענדיג אז קארעסאן איז א מער באלדיגער געפאר צו אמעריקע ווייל אייסיס וויל צוערשט באפעסטיגן איר מאכט אויף די שטחים וואס זי האט פארכאפט אין סיריע און איראק. ראדזשערס האט שוין אמאל גערעדט פון קארעסאן, ארויסברענגענדיג זייערע על-קאידא פארבינדונגען און אז זיי ארבעטן מיט אנדערע על-קאידא טעראריסטן אויפצוקומען מיט פלענער ווי אזוי אראפצוקראכן עראפלאנען. ער זאגט אבער אז אייסיס טוט די זעלבע זאכן און האט אויך צוטריט צו אמעריקאנער און אייראפעער וואס האבן פאספארטן פון זייערע היים לענדער וואס אזוי קענען זיי זיך לייכטער אריינגליטשן אהיים און דורכפירן אטאקעס.

איצט איז טאקע געקומען די קארעסאן באמבארדירונג, און נאך עטליכע טעג שפאקולאציע צי פאדלי האט איבערגעלעבט די אטאקע, האט מען זונטאג באקומען א באשטעטיגונג פון אינטערנעט קאמוניקאציעס פון על-קאידא, אז ער איז טויט. דאס מיינט אבער נישט אז גאנץ קארעסאן איז טויט. נאך א נייעס פון מיטוואך איז געווען אז ירדן האט זיך באטייליגט אין איינע פון די באמבארדירונגען וואס איז געווען נעבן די איראקער-סיריער גרעניץ. דאס ווייזט אז נאך אן אראביש לאנד שטעלט זיך ארויס אין די מלחמה קעגן אייסיס.

ביי די ערשטע באמבארדירונגען פון דינסטאג פארטאגס, זענען די ערשטע אקציעס געקומען אין די ענדע נאכט שטונדען. עס האט זיך אנגעהויבן מיט טאמאהאק קרוז מיסילס פון אמעריקאנער שיפן, דערנאך איז געקומען עראפלאן באמבארדירונגען, און די לעצטע כוואליע עראפלאנען, וואס זיי זענען ארויסגעפליגן ווען עס האט שוין אנגעהויבן צו טאגן, האט אויך געהאט עראפלאנען פון אראבישע לענדער וואס האבן זיך אקטיוו באטייליגט אין די באמבארדירונגען.

## אייסיס פלאנירט אטאקע אין ניו יארק

פאריגע וואך האט דער איראקער פרעמיער מיניסטער איידער על-אבאדי געווארנט אז די טעראריסטן פלאנירן אטאקעס אין די ניו יארקער סאבוועיס און אויך אין פאריז, וואס באלד דערויף האט דער ניו יארקער מעיאר דיבלאזיא שטייענדיג אינאיינעם מיט פאליציי קאמישאנער ברעטאן פייערליך דערקלערט אז מ׳ווייסט נישט פון קיין שום באלדיגן געפאר און מ׳דארף נישט מורא האבן צו פארן אין די סאבוועיס.

עטליכע טעג פריער איז אבער אפירגעקומען א ווידעא פון פארא שירדאן, דער שווארצער טעראריסט וועלכער איז געבוירן אין קאלגארי, קאנאדא, וואו ער אריבער צו די איסלאמישע רעליגיע. שירדאן האט געזאגט אין אן אינטערוויו אז ״מיר וועלן מאכן געוויסע אטאקעס אין ניו יארק, אינגיכן. א סאך ברידער מאביליזירן זיך דארט איצט״.

ער האט געשוואוירן אז די טעראריסטן וואס זענען שוין אין אמעריקע ״מאביליזירן זיך פאר א בריליאנטענע אטאקע״.

מ׳פארשטייט אז אזעלכע ווארענונגען זענען טייל פון דעם טעראר מייסטער פלאן, ווייל אויב מ׳דערשרעקט מענטשן איז דאס אליין א געלונגענע טעראר אקציע, און מ׳זעט אז ער טרייבט איבער מיט גוזמאות, ווייל ער האט אויך געזאגט אז ער אליין קען טויזנטער און טויזנטער מענטשן וועלכע וואוינען אין די מערב וועלט ״וועלכע זענען גרייט ממש איצט צו מאכן אן אקציע אין אייער לאנד״.

קיינער זאגט נישט אז עס איז דא אפילו טויזנט אזעלכע טעראריסטן אין אלע מערב וועלט לענדער אינאיינעם, זעט מען אז מ׳דארף נישט אלעס ערנסט נעמען וואס שירדאן זאגט, אבער דעם פאלגענדער זאץ קען מען יא גלויבן אז עס איז יא א חלום פון אייסיס. ער האט געזאגט אז דער ענדגילטיגער ציל איז, צו זען דעם שווארצן אייסיס פאן פליען העכער׳ן ווייסן הויז.



# אומערווארטעטע פראבלעמען נאך קארעסאן באמבארדירונג

אויב מ׳פארשטייט שוין אין אמעריקע דעם נויט פון באמבארדירן קארעסאן, האט עס אבער געשאפן פראבלעמען פאר אמעריקע אין סיריע, וואס דארט איז דאך דער הויפט ציל פון אלע רעבעלן אקציעס קעגן סיריע׳ס פרעזידענט אסאד. פרעזידענט אבאמא האט געמאסטן און געוואויגן גענוג לאנג, צי מ׳זאל אונטערנעמען אקציעס קעגן אייסיס, וויסענדיג אז אומדירעקט העלפט מען מיט דעם פאר אסאד, אבער ווען אייסיס האט אנגעהויבן צו האקן אמעריקאנער קעפ, האט שוין אמעריקע געמוזט אנהויבן האקן זייערע קעפ, אפילו אויב דאס קומט מיט א פרייז פון אומדירעקט ארויסהעלפן פאר אסאד.

איצט אז אמעריקע האט שוין באמבארדירט קארעסאן, האט עס ארויסגעברענגט גרויס אויפרעגונג קעגן אמעריקע, ווייל מיט דעם האט אמעריקע אויך געטשעפעט דעם נוסרא פראנט.

עס איז שווער אויפצוקלערן פאר די רעבעלן גרופעס אין סיריע אז אין אמעריקע׳ס אויגן, איז על-קאידא פילייכט מער געפאר ווי אפילו דער פארהאסטער אסאד. די אפיציעלע שטעלונג פון אמעריקע איז אויפצובויען מעסיגע רעבעלן גרופעס אזוי ווי די ״פרייע סיריער ארמיי״, אז זיי זאלן קענען פירן און געווינען דעם קאמף קעגן אסאד, אבער יענע רעבעלן גרופעס זענען נאך זייער שוואך, זיי האבן נאך זייער ווייניג קעמפער אין פארגלייך צו די מער עקסטרעמע איסלאמיסטישע גרופעס, און אויב אמעריקע אטאקירט די שטארקסטע אנטי-אסאד קעמפער, אזוי ווי קארעסאן-נוסרא, ברענגט דאס זארג אפילו ביי אנדערע רעבעלן גרופעס וואס ווילן אויך נישט אז נוסרא זאל פירן סיריע.

עס איז טאקע פארגעקומען פרייטאג פראטעסטן אין מערערע פלעצער אין סיריע, אריינגערכענט אין אלעפא, וואו די נוסרא שטיצער האבן פראטעסטירט צוגלייך קעגן אסאד און קעגן די אינטערנאציאנאלע קאאליציע. ווי לאנג מ׳האט בלויז באמבארדירט אייסיס, האט זיך נוסרא אונטערגעשמייכלט, וויסענדיג אז אויך זיי האבן אויסזיכטן צו פארדינען פון דעם געשעפט. אויב אמעריקע האט זיך אבער גענומען אויך צו קארעסאן - וואס איז פארבינדן מיט דעם נוסרא פראנט - האט זיך שוין די על-קאידא גרופע געכאפט אז אמעריקע קעמפט איצט מער פאר אירע אייגענע אינטערעסן, מער צוליב אירע אייגענע זיכערהייט זארגן ווי בלויז פאר׳ן וואוילזיין פונעם סיריער אדער איראקער פאלק.

נוסרא ווערט באצייכנט דורך אמעריקע אלס א טעראריסטישע ארגאניזאציע, אבער אין סיריע איז דער נוסרא פראנט אליאירט מיט א סאך רעבעלן פראקציעס אריינגערכענט מעסיגע איסלאמיסטן וועמענ׳ס הויפט ציל איז דער קאמף קעגן אסאד. א סאך קעגנער פונעם אסאד רעזשים זעען דעם נוסרא פראנט אלס ווינציגער געפאר ווי אייסיס און אויך ווי דער אסאד רעזשים. דעריבער זענען זיי ברוגז אז אמעריקע באמבארדירט קארעסאן, ווען דאס ברענגט אויך פארלוסטן פאר נוסרא, אבער מ׳טשעפעט נישט די אסאד קרעפטן, וואס מ׳לאזט זיי ווייטער באמבארדירן די שטחים אין לאנד וואס זענען אונטער׳ן קאנטראל פון די רעבעלן.

אנטי-אסאד אקטיוויסטן האבן פובליצירט ווידיאס אויפ׳ן אינטערנעט ווייזענדיג פראטעסטן אין די שטעט און דערפלעך קעגן די אמעריקאנער באמבארדירונגען און אינאיינוועגס דריקן זיי אויס סאלידאריטעט מיט׳ן נוסרא פראנט. איין טאוול וואס א קינד האט געהאלטן אין איינע פון די שטעטלעך וואס זענען אונטער די רעבעלן קאנטראל האט געלויטעט: דער נוסרא פראנט איז געקומען צו אונזער רעטונג ווען די גאנצע וועלט האט אונז פארלאזט.

ווארשיינליך האט מען אין וואשינגטאן געוואוסט אז עס וועט קומען אזעלכע פראטעסטן און אויך דאס האט מען גענומען אין באטראכט ביים באשליסן ווייטער צו גיין מיט׳ן פלאן צו באמבארדירן אייסיס און אויך קארעסאן, ווייל אויב אמעריקע האט באקומען אינפארמאציע אז קארעסאן איז שוין גרייט דורכצופירן אקציעס קעגן אמעריקע, מוז אמעריקע פייפן אויף די איסלאמיסטישע פראטעסטן קעגן אמעריקע׳ס נעמען שריט צו שיצן זיך; צו שיצן אירע אייגענע אינטערעסן, איבערהויפט ווען מ׳הערט פון נייע באמבעס וואס קארעסאן האלט ביים אויסארבעטן, וואס וועט נישט אויפגעכאפט ווערן דורך די מאשינען מיט וואס מ׳קאנטראלירט די פאסאזשירן פאר׳ן ארויפגיין אויף אן עראפלאן.

(ביטע באמערקט, מער אויספירליכע באריכטן איבער די באמבארדירונגען און וויכטיגע און אינטערעסאנטע נאטיצן איבער די אמעריקאנער אקציע וועט אי״ה ערשיינען אין ״די צייטונג״ וואס וועט זיין אין די געשעפטן און קיאסקן מיטוואך צופרי. דא געבן מיר איבער אין פארמאט פון א ״בולעטין״ די וויכטיגסטע און אינטערעסאנטסטע געשעענישן וואס האט זיך אפגעשפילט איבער יו״ט.)

# וואס איז קארעסאן?

קארעסאן איז א ראיאן וואס באשטייט פון שטחים אין איראן, אפגאניסטאן און פאקיסטאן. דארט האבן זיך פלאצירט די על-קאידא טעראריסטן, און זיי נוצן דעם נאמען פון יענעם ראיאן ווען זיי זענען איצט טעטיג אין סיריע. זיי זענען געקומען קיין סיריע איבער א יאר צוריק אלס טייל פון אן על-קאידא איניציאטיווע צו פארשטארקן דעם דזשיהאדיסטישן אויסזען און די מעגליכקייטן פון דעם ״נוסרא פראנט״, וואס דאס איז די רעבעלן גרופע אין סיריע וואס איז פארבינדן מיט על-קאידא.

אין סיריע, האט נוסרא 2 הויפט צילן וואס טראגן די זעלבע וויכטיגקייט: דער קאמף קעגן די קרעפטן פון סיריע׳ס פרעזידענט אסאד און דער קאמף קעגן די איסלאמיסטישע אייסיס מיליטאנטן.

מ׳קען זאגן אז קארעסאן איז מער א נעץ פון פארבינדעטע, ווי אן אפיציעלע ארגאניזאציע, וואס די ארגאניזירונג לאזט מען ביי נוסרא. די 2 איינהייטן האבן אנדערע צילן, אבערביידע זענען מיט על-קאידא און ארבעטן נאענט צוזאמען אויסצונוצן די שטארקייט פון די אנדערע גרופע.

אמעריקאנער באאמטע זענען נאכנישט קלאר ווי ווייט די קארעסאן מיליטאנטן אין אויסלאנד פאלגן אויס דירעקטע באפעלן פונעם על-קאידא פירער על-זאוואהירי, ווען זיי פלאנירן אויס טעראר קאנספיראציעס אוועק פונעם קארעסאן ראיאן.

לויט איין באאמטן באשטייט די קארעסאן גרופע פון בלויז עטליכע צענדליגער מיטגלידער אלס א מאקסימום, אבער דער נוסרא פראנט איז געשאצט אויף 5 ביז 6 טויזנט קעמפער, הויפטזעכליך סיריער קעמפער. נוסרא ווערט אנגעפירט פון אבו מוכאמעד על-דזשולאני.

אזוי ווי נוסרא האט זיך איינגעשאפן קאנטראל אויף געוויסע שטחים אין סיריע, דינט דאס אויך ווי א מקום מקלט פאר קארעסאן, וועלכע געניסט פון געוויסע נוסרא טאלאנטן פאר ספעציעלע עקספערטיז וואס זיי דארפן האבן, און נוסרא געניסט פון די מיליטערישע מושטירונגען וואס קומט פון קארעסאן, איבערהויפט ווען זיי באקומען מושטירונגען און וויסן פון די העכסטע על-קאידא קעמפער.

קארעסאן זענען געסט פון נוסרא, אבער עס באטייליגן זיך אויך געוויסע נוסרא חברה אין קארעסאן אקטיוויטעטן.

דאס איז די ״אפיציעלע״ אמעריקאנער אפשאצונג פון אירע טעראריזם באאמטע וועלכע שטודירן דעם הלוך-ילך פון די שעדליכע טעראר גרופעס. אין סיריע, האלטן אבער די לאקאלע איינוואוינער אנדערש. דער קארעסאן נאמען מיינט ביי זיי גאנץ ווייניג, זיי זאגן אז דאס איז א נאמען וואס אמעריקאנער באאמטע האבן געשאפן אבער אין די נוסרא אדער על-קאידא קרייזן איז קארעסאן נישט קיין אידענטיפיקאציע פאר א באזונדערע גרופע.

זיי זענען אבער מודה, אז ווען די על-קאידא חברה זענען אנגעקומען קיין סיריע האבן זיי היבש געענדערט נוסרא, עס הויבט אן מער און מער פארצושטעלן אן ארגאניזאציע וואס אדרעסירט זיך צו מערערע לענדער, און דער הויפט ציל איז אויפצושטעלן איסלאמיסטישע קעניגרייכן אין סיריע.

ווען נוסרא האט לעצטענס געפאנגען 25 יו-ען סאלדאטן, וועלכע זענען שפעטער באפרייט געווארן, ווייזט דאס אויף די ענדערונג אינעם נוסרא צוגאנג, וואס קומט צוליב דעם קארעסאן איינפלוס.

פאקטיש האט אמעריקע שוין א לענגערע צייט געוואוסט פון קארעסאן, און דער רעפובליקאנער קאנגרעסמאן פיטער קינג פון לאנג איילאנד, וועלכער איז אמאל געווען דער פארזיצער פון די היימלאנד זיכערהייט קאמיטע, האט אויסגעדריקט זיין איבערראשונג אז דער נאמען איז איצט ארויסגעקומען. די קאנגרעסלייט ווייסן שוין חדשים פון קארעסאן. עס האט געדארפט זיין העכסט געהיים, די קאנגרעסלייט האבן אפילו נישט געדארפט רעדן דערפון ביז עס איז פאריגע וואך געווארן ״א נייעס״, וואס ווי מיר האבן געשריבן, איז דאס געווען אין פארבערייטונג צו די באמבארדירונגען אויף קארעסאן.

לויט עמיצן וואס האט באקומען א רעפעראט אויף קארעסאן אין יוני, גלויבט מען אז צווישן 10 און 20 הויכע על-קאידא חברה זענען אריבערגעאנגען קיין סיריע פון וואזיריסטאן (פאקיסטאן-אפגאניסטאן) אויפצושטעלן אן על-קאידא אונטערנעמונג אין סיריע, און אמעריקע איז גאר שטארק באזארגט איבער קארעסאן ווייל זיי זענען פארבינדן מיט איבראהים על-אסירי, דער על-קאידא באמבע-מאכער וועלכער איז געווען פארבינדן מיט די באמבע וואס מ׳האט געפונען אין די אונטערוועש פון א טעראריסט אויף אן עראפלאן וואס איז געפלויגן קיין אמעריקע.

א צאל אמעריקאנער עקספערטן אין די זאכן זענען געווען סקעפטיש אויף באריכטן אז פאדלי איז דער פירער פון קארעסאן. איינער האט געזאגט, ״ער איז נישט א קאמאנדיר, נישט א פעלד קאמאנדיר. ער איז מער א גלח (פרעדיגער) ווי א קאמאנדיר״.

אן אנדערער עקספערט אין וואשינגטאן האט קלאר געזאגט אז עס איז נישטא קיין חילוק צווישן נוסרא און קארעסאן. זיי זענען אלע על-קאידא חברה וואס זאוואהירי האט געשיקט פון אפגאניסטאן-פאקיסטאן אדער איראן אויפצובויען נוסרא אין סיריע.

אלע אנערקענען אבער אז קארעסאן איז אן ערנסטער געפאר פאר אמעריקע, כאטש טייל שפאקולירן צי אבאמא האט עס נישט אביסל איבערגעטריבן צו האבן מער בארעכטיגונג צו באמבארדירן סיריע.

אבאמא אליין האט קיינמאל נישט עפענטליך גערעדט פון קארעסאן ביז דינסטאג, נאך די אמעריקאנער באמבארדירונג.

